בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

**פרשת וארא תשע"ח** **שבת מברכין שבט** **גליון 440 [שנה י']**

**פארוואס שטייט דוקא דא די ד' לשונות פון גאולה**

וְגַם אֲנִי שָׁמַעְתִּי אֶת־נַאֲקַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר מִצְרַיִם מַעֲבִדִים אֹתָם וָאֶזְכֹּר אֶת־בְּרִיתִי: (ו ה) דארף מען פארשטיין פארוואס דארף גלייך נאכדעם פון וְגַם אֲנִי שָׁמַעְתִּי, שטיין די ד' לשונות גאולה וְהוֹצֵאתִי, וְהִצַּלְתִּי, וְגָאַלְתִּי, וְלָקַחְתִּי. וואס איז די שייכות וואס פונקט דא שטייט די ד' לשונות פון גאולה? נאר עס שטייט אין פ' לך אז דער אויבערשטער האט געזאגט אז כלל ישראל וועלן זיין עבדים צו מצרים 400 יאר, און אזוי וועלן די אידן מער נישט דארפן גיין אין גלות, אבער אז די אידן האבן שוין נישט געקענט אויסהאלטן די שווערע ארבעט, שטייט איך האב געהערט דעם געשריי וואס די מצריים פייניגן מיינע קינדער, און דער אויבערשטער האט זיך דערמאנט אז ער האט צוגעזאגט אז ער וועט זיי ארויסשיקן פון מצרים, אבער מען וועט דארפן אפצאלן דער שיעבוד, דעריבער האט זיי דער אויבערשטער געזאגט, איך וועל אייך יעצט ארויסנעמען פון דא, אבער דאס וועט אייך ברענגען די ד' גלויות וואס דעריבער וועט מען דארפן ד' לשונות פון גאולה. און דאס האט יעקב אבינו געזאגט וְרֶוַח תָּשִׂימוּ בֵּין עֵדֶר וּבֵין עֵדֶר: (בראשית לז יד) אמר לפניו רבונו של עולם אם יהיו צָרוֹת בָּאוֹת עַל בָּנַי לֹא תביא אותן זו אחר זו אלא הַרְוִיַּח להן מִצָּרוֹתֵיהֶן. (ילקוט שמעוני ק"ל י"ז) ווייל מען דארף אויסשפרייטן די צרות, דעריבער וועלן די פיר גלויות מוזן זיין אויסגעשפרייט. אבער בעזה"י דער טאג פון אונזער גאולה וועט זיין בקרוב בימינו אמן. (תפוחי חיים פאנעט דעעש קארלסבורג)

**פארוואס דארף שטיין "כֵּן"?**

וַיְדַבֵּר מֹשֶׁה כֵּן אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל: (ו ט) פארוואס שטייט "כֵּן" עס וואלט געקענט נאר שטיין וַיְדַבֵּר מֹשֶׁה אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל? נאר עס איז באוואוסט אז משה רבינו האט נישט געקענט ארויסרעדן די אותיות בומ"פ, און דער אויבערשטער האט באשוואוירן די אידן "פָּקֹד יִפְקֹד" אֱלֹקִים אֶתְכֶם, (יג לד) און דער אויבערשטער האט געזאגט אז דער שליח פון ארויסנעמען די אידן וועט קענען זאגן די ווערטער פָּקֹד יִפְקֹד, און אז משה וועט נישט קענען זאגן פָּקֹד יִפְקֹד, וועגן די אות פ"ה, וועט ער נישט זיין די שליח ארויסנעמען די אידן, האט דער אויבערשטער געמאכט אז משה רבינו האט גוט געזאגט די ווערטער פָּקֹד יִפְקֹד, איז געווען די סימן פאר כלל ישראל אז משה גייט זיי ארויס שיקן. און דאס מיינט וַיְדַבֵּר מֹשֶׁה "כֵּן", "כֵּן" מיינט ריכטיג ארויס געזאגט די ווערטער פָּקֹד יִפְקֹד ווי מען דארף. (תפוחי חיים פאנעט דעעש קארלסבורג)

**מדרש שטייט ומעבודה קשה מיינט עו"ז, א פליאה!**

וְלֹא שָׁמְעוּ אֶל־מֹשֶׁה מִקֹּצֶר רוּחַ וּמֵעֲבֹדָה קָשָׁה: (ו ט) שטייט אין מדרש (שמות רבה פ"ו ה און ילקוט שמעוני רמז קע"ח) איז דען מעגלאך צו פארשטיין אז מען האט געזאגט די אידן אז מען גייט זיי ארויסלאזן פון די שווערע ארבעט און זיי וועלן נישט צו הערן, אדרבה זיי וועלן זיך גאר פרייען, נאר וואס מיינט וּמֵעֲבֹדָה קָשָׁה? עס איז זיי געווען שווער זיך אפשיידן פון עבודה זרה. פרעגט דער הייליגער חיד"א (ספר פני דוד) פון וואו נעמט דער מדרש אז דאס מיינט עבודה זרה און נישט פשוט'ע שווערע ארבעט? נאר מען קען זאגן אז די חז"ל זענען געווען שווער, אויב די מֵעֲבֹדָה קָשָׁה מיינט שווערע ארבעט, וואלט געדארפט שטיין די זעלבע וועג פון מִקֹּצֶר רוּחַ און שרייבן וּמִקּוֹשִׁי הָעֲבֹדָה! און ווייל די תורה האט מְשַׁנֶּה געווען, איז א ראיה אז עֲבֹדָה קָשָׁה איז א אנדערע עבודה פון קֹצֶר רוּחַ, און דאס מיינט עו"ז און נישט ארבעט. (בן לאשרי– המקובל מרעננה ר' יצחק הוברמן– תלמיד שם משמואל סאכאטשוב)

**א שיינע דרוש פארוואס שטייט נישט מרים דערמאנט**

וַיִּקַּח עַמְרָם אֶת־יוֹכֶבֶד דֹּדָתוֹ לוֹ לְאִשָּׁה וַתֵּלֶד לוֹ אֶת־אַהֲרֹן וְאֶת־מֹשֶׁה: (ו כ) אין די פריערדיגן וואך'ס גליון האט מען געברענגט די קשיא פון אלשיך הק' פארוואס אין פ' שמות שטייט נאר וַיֵּלֶךְ אִישׁ מִבֵּית לֵוִי וַיִּקַּח אֶת־בַּת־לֵוִי: (ב א) און עס שטייט נישט ווי אזוי זיי האבן געהייסן און עס וואלט געדארפט שטיין אזוי ווי דא וַיִּקַּח עַמְרָם אֶת־יוֹכֶבֶד דֹּדָתוֹ לוֹ לְאִשָּׁה? און אויב עס איז דא א סיבה צו פארהוילן זייערע נעמען, אויב אזוי פארוואס דא אין פ' וארא האט מען יא אויסגעזאגט ווי אזוי זיי הייסן? נאך א שווערעקייט איז דא, פארוואס שטייט נאר וַתֵּלֶד לוֹ אֶת־אַהֲרֹן וְאֶת־מֹשֶׁה און דערמאנט נישט מִרְיָם וואס איז געווען זייער שוועסטער, און בפרט אז מען רעכענט אויס די יחוס פון ראובן און שמעון וואס האבן נישט קיין שייכות צו מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן, וואלט געפאסט צו דערמאנען מרים וואס אין איר זכות וואס זי איז געשטאנען ביים טייך און אכטונג געגעבן אויף משה איז ער געבליבן לעבן (סוטה דף יב.)? כדי דאס צו פארענטפערן דארף מען באמת פארשטיין פארוואס דארף בכלל שטיין אז עמרם האט חתונה געהאט מיט זיין מומע יוכבד? נאר עס שטייט אין (יומא כב:) פארוואס האט שָׁאוּל הַמֶּלֶךְ נישט מאריך ימים געווען אין זיין קעניגרייך? ווייל ער האט נישט געהאט קיין פעלער אין זיך, דאס מיינט א מנהיג דארף האבן אונטער זיך א פעלער כדי מען זאל אים קענען נאכקוקן אז ער זאל זיך האלטן אין די ראמען, [אין מְמַנִּין פרנס על הציבור אלא אם כן קוּפָּה של שְׁרָצִים – א חסרון– תלויה לו מאחוריו שאם תָּזוּח דעתו עליו –אויב ער וועט זיך גרויסהאלטן– אומרים לו חֲזוֹר לַאֲחוֹרֶיךָ– קוק אויף דיין חסרון.] ממילא ווען מען גייט מְמַנֶּה זיין מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן אויף כלל ישראל מוז זיין א קוּפָּה פון שְׁרָצִים אויף זיי, און דאס איז: ווייל עמרם האט גענומען יוֹכֶבֶד זיין מומע, איז דאס אסור לפי התורה, אבער איידער מתן תורה האט עמרם דאס געמעגט טאן, [אזוי ווי יעקב האט גענומען צוויי שוועסטער'ס] אבער דאס איז גענוג א קוּפָּה פון שְׁרָצִים, עס זאל זיין איבער מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן. וועגן דעם מוז שטיין דא וַיִּקַּח עַמְרָם אֶת־יוֹכֶבֶד דֹּדָתוֹ לוֹ לְאִשָּׁה, און וועגן דעם שטייט נישט דערמאנט זייער נאמען אין פ' שמות, ווייל לויט די תורה איז דאס נישט געווען אויסגעהאלטן, דעריבער שטיט נאר וַיֵּלֶךְ אִישׁ מִבֵּית לֵוִי וַיִּקַּח אֶת־בַּת־לֵוִי. (בן לאשרי– המקובל מרעננה ר' יצחק הוברמן– תלמיד שם משמואל סאכאטשוב) והנני מוסר עוד מודעה שהחלטתי להתפלל בלי נדר בכל יום על כל אלה שיעיינו בספר ויגידו בשמי דברי תורה לאחרים שיוושעו מכל צרה שצריכים ישועה בעולם הזה ובעולם הבא. יארצייט י"ג טבת

**א שיינע ידיעה: דער חילוק פון דָג און דָגָה.**

וְהַדָּגָה אֲשֶׁר בַּיְאֹר מֵתָה: (ז כא) פארוואס שטייט וְהַדָּגָה מיט א ה"א און נישט וְהַדָּג? נאר א פיש בשעת זי לעבט הייסט זי דָג און ווען זי שטארבט הייסט זי דָגָה, און א ראי' פון (יונה ב א) וואס פריערט שטייט וַיְמַן ה' דָג גָדוֹל, א לעבעדיגע פיש, נאכדעם (ב) שטייט וַיִּתְפַּלֵּל יוֹנָה... מִמְּעֵי הַדָּגָה: זי איז געווען טויט, און נאכדעם וַיֹּאמֶר ה' לַדָּג (יא) איז זי צוריק לעבעדיג געווארן. און דא איז די פיש געווען מֵתָה, דעריבער שטייט וְהַדָּגָה. (בן דוד המקובל ר' משה שאול דְוִיק הכהן זצ"ל)

## מדור העובדות

## נישט דער מיל מאכט די מעל נאר דער אויבערשטער מאכט די מעל

רבי דוד משה מטשארטקוב דער פינפטער זון פון הייליגער ריזינער זצוק"ל איז געווען א גרויסער פועל ישועות, אבער אזוי ווי אסאך צדיקים, אלעם האט ער געפראוועט אז עס זאל אויסזען בדרך הטבע, אבער איינמאל האט ער געדארפט טאן א מופת למעלה מדרך הטבע און האט אויך גערעדט אפענע רייד, כדי צו מאכן א קידוש השם:

אין שטאט קרויטע -פודוליה לעבן קאמניץ- האט געוואוינט זיין חסיד, ר' משה סג"ל וואס זיין פרנסה איז געווען פון א מילאכל -רחיים- וואו מען האט געמאלן ווייץ און געמאכט מעל און פון דעם האט ער געהאט שיין פרנסה. אין שטאט האט געוואוינט א פריץ א גרויסער שונא ישראל און האט נישט פארגונען אז ר' משה האט פרנסה, און צו דערצו איז ער דער איינציגסטער מיל אין געגענט. האט ער געטראכט אז ער גייט אליין אויפבויען א גאר מאדערנע און שיינער מיל און אזוי אוועקנעמען די פרנסה פון איד, ווייל ווער וועט גיין צו א אלט מאדריש מיל!

דער פריץ איז געווען א שלעכטער מענטש און איז געקומען זאגן ר' משה זיין בייזער פלאן, אבער ר' משה ווערט נישט פארלוירן און זאגט דעם פריץ אז ער גיט נישט פרנסה נאר דער אויבערשטער גיט פרנסה. ר' משה פאהרט קיין טשארטקוב צום רבין אויסגיסן זיין הארץ, ווען דער רבי האט געהערט וואס דער פריץ וויל טאן האט איהם דער רבי געזאגט אז ער האט זיך נישט וואס צו זארגן ווייל דער פריץ קען סיי ווי גארנישט טאן! ר' משה האט געהאט אמונת צדיקים און געווען א חסיד, האט זיך געזעגנט פון רבין און איז צוריק אהיים געגאנגען זייער רוהיג און פול מיט אמונה ובטחון.

דער פריץ נעמט זיך שוין צו בויען דעם נייעם מיל און האט געברענגט גרויסע מאשינען און פיל ארבעטארערס און עס האט זיך שנעל געבויט. אט אט וועט דאס ווערן פארטיג און דער פריץ פריידט זיך און דערציילט אלעמען אז ער גייט אוועקנעמען די פרנסה פון א איד. ר' משה האט טאקע אמונה, אבער ווען ער זעט אז דער מיל שטייט שוין באלד גרייט צו מאלן ווייץ און בדרך הטבע וועט שוין קיינער נישט קומען צו אים ווייל די מעהל וועט זיין פיינער און ביליגער פון אים! איז ר' משה גלייך געפארן צום רבי'ן און ער האט איהם געזאגט אז דער מיל פון פריץ שטייט שוין און ער גייט בקרוב מאלן ווייץ! האט דער רבי געזאגט האסט נישט וואס צו זארגן דאס איז דיין פרנסה און דער פריץ קען דאס נישט אוועקנעמען, און זאלסט וויסן אז דער מיל פון פריץ קען נישט ארויס געבן גוטע מעהל!

ר' משה הערט קלארע רייד פון צדיק און פארט אהיים און גייט אין שול דאווענען. נאכן דאווענען האט ער ארויסגענומען משקה און תיקון, יעדער האט געפרעגט וואס דער רבי האט געזאגט? און ער האט דערציילט אז ער האט נישט וואס צו זארגן ווייל דער מיל פון פריץ וועט נישט ארויס געבן גוטע מעהל! די חסידים האבן געטרונקען לחיים און געגאנגען א רקידה זייענדיג בשמחה נאכן הערן די הייליגע רייד פון זייער רבין! אפאר נעריִשע אידן זענען געקומען און געזאגט פארן פריץ וואס דער רבי האט געזאגט, און ער האט אנגעהויבן צו לאכן פון רבין. דערוויל האט דער פריץ געמאלדן פאר אלע סוחרים אז זיין מיל וועט ארויסגעבן די בעסטע מעהל און דער פרייז וועט זיין אסאך ביליגער פון דעם איד.

אבער ר' משה איז פול מיט אמונה און ער דאגה'ט נישט. דער רבי האט געזאגט זיינם און עס וועט נישט זיין אנדערש, און עס וועט גאר זיין א קידוש השם!

דער טאג קומט און דער פריץ עפנט זיין מיל מיט גרויס פאראד און מען ברענגט שוין ווייץ צו מאלן און דער עולם ווארט אין דער ריי ערווארטענדיג גוטע פיינע מעל און נאך אויך ביליג. דער פריץ האט געלויכטן פון פרייד זעענדיג ווי אלע סוחרים קומען צו אים, און שיקט זיין משרת זעען וואס ר' משה טוט יעצט, אבער ר' משה האט זיך נישט פארלוירן און האט געשיקט דער משרת זאגן פארן פריץ אז די מעהל וואס ער וועט מאלן איז נישט ראוי צו עסן. און ווען דער פריץ האט דאס געהערט האט ער מער אפגעלאכט פון רבין! צו לאנג האט מען נישט געדארפט ווארטן צו זען ווי די ווערטער פון רבין זענען הייליג. עס איז געקומען ערב שבת און מען באקט חלות פאר שב"ק און ווען די בעקערס נעמען ארויס די חלות פון אויבן האט מען געזעהן אז אלע חלות זענען שווארץ ווי קוילן. עס איז געווארן א גרויסע טומל און קיינער האט נישט געוואוסט ווי אזוי האט דאס געקענט געשען!

די חסידים האבן געגלויבט אין רבין, -און זענען געגאנגען מאלן ביי ר' משה-, האבן געוואוסט אז דאס איז א קפידה פון רבין, אבער דער פריץ האט נישט געוואלט גלייבן און ער האט געזאגט אז מן הסתם איז געווען צופיל שמן אין די רעדער און האט גערופן מומחים, אבער זיי האבן גארנישט געזען פארוואס די מעל איז נישט ארויס גוט! דער פריץ רוהט נישט און באשטעלט נאך בעסערע מאשינען און גרעסערע מומחים און אריינגעלייגט כמעט זיין גאנצן פארמעגן אין מיל. און ווען דאס איז געווארן פארטיג האט מען מודיע געווען אז מען גייט ווייטער מאלן, און דער עולם איז ווייטער געקומען אבער דאס מאל איז די מעהל געווען ערגער פון פריערט אז מען האט בכלל נישט געקענט עסן די ברויט.

יעצט האט דער פריץ געזען אז דאס איז נישט קיין פשוטע זאך און ער האט שוין פארשטאנען אז דאס איז א קפידה פון רבי'ן און דער מיל וועט נישט ארויסגעבן גוטע מעל, און יעצט שטייט ער צו פארלירן זיין גאנצן פארמעגן וואס ער האט אריינגעלייגט אין מיל, דער פריץ האט געשיקט רופן ר' משה'ן און ער האט איהם געבעטן ער זאל ווערן א שותף מיט אים, און אלע פארדינסטן וועט מען זיך צוטיילן, און גיי צו דיין רבין אז ער זאל אראפנעמען די קפידה פון מיל.

ר' משה איז גלייך געגאנגען צום רבין אין טשארטקוב. ר' משה האט געפרעגט דעם רבין וואס ער זאל טאן און וועגן זיין א שותף מיטן פריץ וואס דאס קען אים ברענגען גרויסע פארדינסטן? האט דער רבי איהם געזאגט איך האב קיינמאל נישט מְשַׁנֶּה געווען פון מיין דיבור און אויך יעצט וועל איך נישט מְשַׁנֶּה זיין פון מיין דיבור. און עס מוז בלייבן אזוי. ר' משה גייט צום פריץ און דערציילט אים וואס דער רבי האט געזאגט! דער פריץ האט שוין געזען און ווי אזוי ער האט זיך באַנַערִישְׁט און האט געוואוסט אז אלעס איז פארלוירן ווייל אלע האבן געוואוסט פון קפידה פון רבין אז דער מיל קען נישט ארויס געבן גוטע מעהל! יארן לאנג איז דער מיל געבליבן ליידיג און אלע האבן געוואוסט אז דאס איז די ארבעט פון הייליגן צדיק פון טשארטקוב זיע"א. ווייל נישט דער מיל מאכט די מעל נאר דער אויבערשטער. (דער טשארטקובער רבי)


**הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד - צו פארקויפן**

מכתב קודש של הקדושה ציון מבאבוב הי"ד תרפ"ט מלא ברכות ה' $12000, חומש עם פירוש שם אפרים ותוצאות חיים טשערנאוויץ תר"א $4000, משנה למלך שהמהרי"ל דיסקין נתן במתנה $3500, מכתב קודש כולו כתב יד של הרה"ק ר' אליעזר פיש אדמו"ר מאטעסאלקע $800, ספר עבודת הגרשוני תנינא דפו"ר $1000, ספר לחם שמנה ראפשיץ דפו"ר $600, ספר כתנות האיפוד דפו"ר $1000, אור ישראל על הזוהר מגיד מקאזניץ דפו"ר $500, ספר מטה אפרים שייך להגאון ר' אברהם פאם $180, א גמרא פון הגאון ר' שלמה הימאן זצ"ל $600, גאנצע תהלים געדרוקט אין זיטאמיר פעלט דעם שער $2000, 5 כרכים משנה ברורה עם עוד ספר מיט מוגה כת"י געקויפט פון חפץ חיים אליין $3000 ספר גבורת ארי מוגה ע"י חפץ חיים $400 שו"ת אור המאיר מיט הקדשה פון הגאון ר' מאיר שפירא מיט פיל לומדישע הגהות $3000 , ברית אברהם דפוס ראשון $1500 , ספר היכלות הזהר עם פירוש הגר"א דפו"ר שייך להגאון ר' שמואל העללער $2000, א אלטע זילבערנעם שטעקן פון דער טאלנא רבין פון פילאדעלפיה $2000 רי"ף מיט חתימה ר' ברוך בענדיט ליכטנשטיין אביו של הרה"ק ר' הלל מקאלאמייא $5000, חומש דברים עם אוה"ח דפוס סלאוויטא $2500, 100 היתר נישואין נאך די שואה תש"ו מיט חתימת פון בי"ד, אסאך היסטאריה פון די משפחות $15000 20,000 ספרים און בריוון און דאקומענטן צום פארקויפן

דער גליון איז לעי"נ הבחור יוסף שמואל ע"ה ב"ר צבי אלימלך נ"י, און לעי"נ ידיד נפשי המקובל הצדיק ר' מיכאל בן רחמים נימני זצ"ל כ"א תמוז תשע"ז

**If you have good condition older seforim bring them in to us at no charge 4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM***